פון אָהליבָמָה, דער פירשט פון אֵלָה, דער פירשט פון פּינוֹן, 42 דער פירשט פון קנַז, דער פירשט פון תֵּימָן, דער פירשט פון מִבצָר, 43 דער פירשט פון מַגדיאֵל, דער פירשט פון עִירָם. דאָס זיינען די פירשטן פון אֶדום לויט זייערע וווינערטער, אין דעם לאַנד פון זייער אייגנטום. דאָס איז עֵשָׂו דער פאָטער פון אֶדוֹם.

מא מב אַלּ֧וּף אָהֳלִֽיבָמָ֛ה אַלּ֥וּף אֵלָ֖ה אַלּ֥וּף פִּינֹֽן׃ אַלּ֥וּף קְנַ֛ז
מג אַלּ֥וּף תֵּימָ֖ן אַלּ֥וּף מִבְצָֽר׃ אַלּ֥וּף מַגְדִּיאֵ֖ל אַלּ֣וּף עִירָ֑ם
אֵ֣לֶּה ׀ אַלּוּפֵ֣י אֱד֗וֹם לְמֹֽשְׁבֹתָם֙ בְּאֶ֣רֶץ אֲחֻזָּתָ֔ם ה֥וּא עֵשָׂ֖ו
אֲבִ֥י אֱדֽוֹם׃ פ

# וַיֵּשֶׁב

## לז

1 און יעקב איז געזעסן אין דעם לאַנד פון זיין פאָטערס וווינשאַפט, אין לאַנד כּנַעַן.

2 דאָס איז די געשיכטע פון יעקבן: יוסף צו זיבעצן יאָר איז געווען אַ פּאַסטוך מיט זיינע ברידער ביי די שאָף; און ער איז געווען אַ ייִנגל אַקעגן די זין פון בִּלהָהן, און אַקעגן די זין פון זִלפָּהן, די ווייבער פון זיין פאָטער; און יוסף האָט געבראַכט בייזע רייד אויף זיי צו זייער פאָטער.

3 און ישׂראל האָט ליב געהאַט יוספן מער פון אַלע זיינע זין, ווייל ער איז ביי אים געווען אַ בן־זקונים. און ער האָט אים געמאַכט אַ געשטרייפט העמדל. 4 און אַז זיינע ברידער האָבן געזען אַז זייער פאָטער האָט אים ליבער פון אַלע זיינע ברידער, האָבן זיי אים פיינט געקריגן, און ניט געקענט רעדן צו אים פרידלעך.

5 און יוספן האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ער האָט דערציילט זיינע ברידער, און זיי האָבן אים נאָך מער פיינט געקריגן. 6 און ער האָט צו זיי געזאָגט: הערט אַקאָרשט דעמדאָזיקן חלום וואָס מיר האָט זיך געחלומט: 7 מיר בינדן אַזוי גאַרבן אין פעלד, ערשט מיין גאַרב האָט זיך אויפגעהויבן, און איז אויך געבליבן שטיין; און זע, אייערע גאַרבן האָבן זיך אַרומגעשטעלט, און האָבן זיך געבוקט צו מיין גאַרב.

8 האָבן זיינע ברידער צו אים געזאָגט: קיניגן ווילסטו קיניגן איבער אונדז? אָדער געוועלטיקן ווילסטו געוועלטיקן איבער אונדז? און זיי האָבן אים נאָך מער פיינט געקריגן פאַר זיינע חלומות, און פאַר זיינע רייד.

9 און אים האָט זיך ווידער געחלומט אַן אַנדער חלום, און ער האָט דערציילט זיינע ברידער, און האָט געזאָגט: אָט האָט זיך מיר ווידער געחלומט אַ חלום: ערשט די זון און די לבנה און די עלף שטערן בוקן זיך צו מיר.

10 און ווי ער האָט עס דערציילט זיין פאָטער און זיינע ברידער, האָט זיין פאָטער אָנגעשריען אויף אים, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ חלום וואָס דיר האָט זיך געחלומט? זאָל איך און דיין מוטער און דיינע ברידער גאָר קומען זיך בוקן פאַר דיר צו דער ערד?

11 און די ברידער האָבן אים מקנא געווען; אָבער זיין פאָטער האָט די זאַך געהאַלטן אין זינען.

12 און זיינע ברידער זיינען געגאַנגען פיטערן די שאָף פון זייער פאָטער אין שכֶם. 13 האָט ישׂראל געזאָגט צו יוספן: דיינע ברידער פיטערן דאָך אין שכֶם; קום און איך וועל דיך שיקן צו זיי. האָט ער צו אים געזאָגט: דאָ בין איך. 14 האָט ער

א ב וַיֵּ֣שֶׁב יַעֲקֹ֔ב בְּאֶ֖רֶץ מְגוּרֵ֣י אָבִ֑יו בְּאֶ֖רֶץ כְּנָֽעַן׃ אֵ֣לֶּה ׀ תֹּלְד֣וֹת
יַעֲקֹ֗ב יוֹסֵ֞ף בֶּן־שְׁבַֽע־עֶשְׂרֵ֤ה שָׁנָה֙ הָיָ֨ה רֹעֶ֤ה אֶת־אֶחָיו֙
בַּצֹּ֔אן וְה֥וּא נַ֨עַר֙ אֶת־בְּנֵ֥י בִלְהָ֛ה וְאֶת־בְּנֵ֥י זִלְפָּ֖ה נְשֵׁ֣י אָבִ֑יו
ג וַיָּבֵ֥א יוֹסֵ֛ף אֶת־דִּבָּתָ֥ם רָעָ֖ה אֶל־אֲבִיהֶֽם׃ וְיִשְׂרָאֵ֗ל אָהַ֤ב
אֶת־יוֹסֵף֙ מִכָּל־בָּנָ֔יו כִּֽי־בֶן־זְקֻנִ֥ים ה֖וּא ל֑וֹ וְעָ֥שָׂה ל֖וֹ כְּתֹ֥נֶת
ד פַּסִּֽים׃ וַיִּרְא֣וּ אֶחָ֗יו כִּֽי־אֹת֞וֹ אָהַ֤ב אֲבִיהֶם֙ מִכָּל־אֶחָ֔יו
ה וַיִּשְׂנְא֖וּ אֹת֑וֹ וְלֹ֥א יָכְל֖וּ דַּבְּר֥וֹ לְשָׁלֹֽם׃ וַיַּחֲלֹ֤ם יוֹסֵף֙ חֲל֔וֹם
ו וַיַּגֵּ֖ד לְאֶחָ֑יו וַיּוֹסִ֥פוּ ע֖וֹד שְׂנֹ֥א אֹתֽוֹ׃ וַיֹּ֖אמֶר אֲלֵיהֶ֑ם שִׁמְעוּ־
ז נָ֕א הַחֲל֥וֹם הַזֶּ֖ה אֲשֶׁ֥ר חָלָֽמְתִּי׃ וְ֠הִנֵּה אֲנַ֜חְנוּ מְאַלְּמִ֤ים
אֲלֻמִּים֙ בְּת֣וֹךְ הַשָּׂדֶ֔ה וְהִנֵּ֛ה קָ֥מָה אֲלֻמָּתִ֖י וְגַם־נִצָּ֑בָה וְהִנֵּ֤ה
ח תְסֻבֶּ֨ינָה֙ אֲלֻמֹּ֣תֵיכֶ֔ם וַתִּֽשְׁתַּחֲוֶ֖יןָ לַאֲלֻמָּתִֽי׃ וַיֹּ֤אמְרוּ לוֹ֙ אֶחָ֔יו
הֲמָלֹ֤ךְ תִּמְלֹךְ֙ עָלֵ֔ינוּ אִם־מָשׁ֥וֹל תִּמְשֹׁ֖ל בָּ֑נוּ וַיּוֹסִ֤פוּ עוֹד֙
ט שְׂנֹ֣א אֹת֔וֹ עַל־חֲלֹמֹתָ֖יו וְעַל־דְּבָרָֽיו׃ וַיַּחֲלֹ֥ם עוֹד֙ חֲל֣וֹם
אַחֵ֔ר וַיְסַפֵּ֥ר אֹת֖וֹ לְאֶחָ֑יו וַיֹּ֗אמֶר הִנֵּ֨ה חָלַ֤מְתִּֽי חֲלוֹם֙ ע֔וֹד
וְהִנֵּ֧ה הַשֶּׁ֣מֶשׁ וְהַיָּרֵ֗חַ וְאַחַ֤ד עָשָׂר֙ כּֽוֹכָבִ֔ים מִֽשְׁתַּחֲוִ֖ים לִֽי׃
י וַיְסַפֵּ֣ר אֶל־אָבִיו֮ וְאֶל־אֶחָיו֒ וַיִּגְעַר־בּ֣וֹ אָבִ֔יו וַיֹּ֣אמֶר ל֔וֹ מָ֛ה
הַחֲל֥וֹם הַזֶּ֖ה אֲשֶׁ֣ר חָלָ֑מְתָּ הֲב֣וֹא נָב֗וֹא אֲנִי֙ וְאִמְּךָ֣ וְאַחֶ֔יךָ
יא לְהִשְׁתַּחֲוֺ֥ת לְךָ֖ אָֽרְצָה׃ וַיְקַנְאוּ־ב֖וֹ אֶחָ֑יו וְאָבִ֖יו שָׁמַ֥ר אֶת־
שני הַדָּבָֽר׃ וַיֵּלְכ֖וּ אֶחָ֑יו לִרְע֛וֹת אֶׄתׄ־צֹ֥אן אֲבִיהֶ֖ם בִּשְׁכֶֽם׃
יג וַיֹּ֨אמֶר יִשְׂרָאֵ֜ל אֶל־יוֹסֵ֗ף הֲל֤וֹא אַחֶ֨יךָ֙ רֹעִ֣ים בִּשְׁכֶ֔ם לְכָ֖ה
יד וְאֶשְׁלָחֲךָ֣ אֲלֵיהֶ֑ם וַיֹּ֥אמֶר ל֖וֹ הִנֵּֽנִי׃ וַיֹּ֣אמֶר ל֗וֹ לֶךְ־נָ֨א רְאֵ֜ה

---

לז, יב׳ נקוד על את

אֶת־שְׁלוֹם אַחֶיךָ וְאֶת־שְׁלוֹם הַצֹּאן וַהֲשִׁבֵנִי דָּבָר וַיִּשְׁלָחֵהוּ
מֵעֵמֶק חֶבְרוֹן וַיָּבֹא שְׁכֶמָה׃ וַיִּמְצָאֵהוּ אִישׁ וְהִנֵּה תֹעֶה טו
בַּשָּׂדֶה וַיִּשְׁאָלֵהוּ הָאִישׁ לֵאמֹר מַה־תְּבַקֵּשׁ׃ וַיֹּאמֶר אֶת־ טז
אַחַי אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ הַגִּידָה־נָּא לִי אֵיפֹה הֵם רֹעִים׃ וַיֹּאמֶר יז
הָאִישׁ נָסְעוּ מִזֶּה כִּי שָׁמַעְתִּי אֹמְרִים נֵלְכָה דֹּתָיְנָה וַיֵּלֶךְ
יוֹסֵף אַחַר אֶחָיו וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן׃ וַיִּרְאוּ אֹתוֹ מֵרָחֹק יח
וּבְטֶרֶם יִקְרַב אֲלֵיהֶם וַיִּתְנַכְּלוּ אֹתוֹ לַהֲמִיתוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ יט
אִישׁ אֶל־אָחִיו הִנֵּה בַּעַל הַחֲלֹמוֹת הַלָּזֶה בָּא׃ וְעַתָּה ׀ כ
לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ וְנַשְׁלִכֵהוּ בְּאַחַד הַבֹּרוֹת וְאָמַרְנוּ חַיָּה רָעָה
אֲכָלָתְהוּ וְנִרְאֶה מַה־יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו׃ וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ כא
מִיָּדָם וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם ׀ רְאוּבֵן אַל־ כב
תִּשְׁפְּכוּ־דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל־הַבּוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר
וְיָד אַל־תִּשְׁלְחוּ־בוֹ לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ מִיָּדָם לַהֲשִׁיבוֹ
אֶל־אָבִיו׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּא יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו וַיַּפְשִׁיטוּ אֶת־ כג
יוֹסֵף אֶת־כֻּתָּנְתּוֹ אֶת־כְּתֹנֶת הַפַּסִּים אֲשֶׁר עָלָיו׃ וַיִּקָּחֻהוּ כד
וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם׃ וַיֵּשְׁבוּ כה
לֶאֱכָל־לֶחֶם וַיִּשְׂאוּ עֵינֵיהֶם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה אֹרְחַת יִשְׁמְעֵאלִים
בָּאָה מִגִּלְעָד וּגְמַלֵּיהֶם נֹשְׂאִים נְכֹאת וּצְרִי וָלֹט הוֹלְכִים
לְהוֹרִיד מִצְרָיְמָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל־אֶחָיו מַה־בֶּצַע כִּי כו
נַהֲרֹג אֶת־אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת־דָּמוֹ׃ לְכוּ וְנִמְכְּרֶנּוּ לַיִּשְׁמְעֵאלִים כז
וְיָדֵנוּ אַל־תְּהִי־בוֹ כִּי־אָחִינוּ בְשָׂרֵנוּ הוּא וַיִּשְׁמְעוּ אֶחָיו׃
וַיַּעַבְרוּ אֲנָשִׁים מִדְיָנִים סֹחֲרִים וַיִּמְשְׁכוּ וַיַּעֲלוּ אֶת־יוֹסֵף כח
מִן־הַבּוֹר וַיִּמְכְּרוּ אֶת־יוֹסֵף לַיִּשְׁמְעֵאלִים בְּעֶשְׂרִים כָּסֶף
וַיָּבִיאוּ אֶת־יוֹסֵף מִצְרָיְמָה׃ וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל־הַבּוֹר וְהִנֵּה כט
אֵין־יוֹסֵף בַּבּוֹר וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו׃ וַיָּשָׁב אֶל־אֶחָיו וַיֹּאמַר ל
הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי־בָא׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כְּתֹנֶת יוֹסֵף לא
וַיִּשְׁחֲטוּ שְׂעִיר עִזִּים וַיִּטְבְּלוּ אֶת־הַכֻּתֹּנֶת בַּדָּם׃ וַיְשַׁלְּחוּ לב
אֶת־כְּתֹנֶת הַפַּסִּים וַיָּבִיאוּ אֶל־אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ זֹאת מָצָאנוּ

צו אים געזאָגט: גיי אַקאָרשט זע אויב פריד איז צו דיינע ברידער, און פריד צו די שאָף, און ברענג מיר אָן ענטפער. און ער האָט אים אַוועקגעשיקט פון דעם טאָל פון חֶבְרוֹן, און ער איז געקומען קיין שְׁכֶם. [15] האָט אים געפונען אַ מאַן, ערשט ער בלאָנדזשעט אום אין פעלד; און דער מאַן האָט אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: וואָס זוכסטו? [16] האָט ער געזאָגט: מיינע ברידער זוך איך; זאָג מיר, איך בעט דיך, וווּ פּיטערן זיי? [17] האָט דער מאַן געזאָגט: זיי האָבן אַוועקגעצויגן פון דאַנען, וואָרום איך האָב געהערט ווי זיי זאָגן: לאָמיר גיין קיין דוֹתָן. איז יוסף געגאַנגען נאָך זיינע ברידער, און ער האָט זיי געפונען אין דוֹתָן.

[18] און ווי זיי האָבן אים דערזען פון ווייטן, און איידער נאָך ער האָט גענענט צו זיי, האָבן זיי זיך געקליגט קעגן אים, אים צו טייטן. [19] און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: אָט קומט דער־דאָזיקער בעל־חלומות. [20] און אַצונד, קומט, און לאָמיר אים הרגען, און אים אַריינוואַרפן אין איינער פון די גריבער, און מיר וועלן זאָגן: אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן; און מיר וועלן זען וואָס וועט ווערן פון זיינע חלומות.

[21] האָט ראובן דערהערט, און ער האָט אים געוואָלט מציל צו זיין פון זייער האַנט, און האָט געזאָגט: לאָמיר אים ניט נעמען דאָס לעבן. [22] און ראובן האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט פאַרגיסן קיין בלוט; וואַרפט אים אַריין אין יענער גרוב וואָס אין מדבר, אָבער אַ האַנט זאָלט איר ניט אויסשטרעקן אויף אים—כדי אים מציל צו זיין פון זייער האַנט, אים אומצוקערן צו זיין פאָטער.

[23] און עס איז געווען, ווי יוסף איז צוגעקומען צו זיינע ברידער, אַזוי האָבן זי אויסגעטאָן יוספן זיין העמדל, דאָס געשטרייפטע העמדל וואָס אויף אים. [24] און זיי האָבן אים גענומען, און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב. און די גרוב איז געווען ליידיק, קיין וואַסער איז אין איר ניט געווען.

[25] און זיי האָבן זיך געזעצט עסן ברויט. און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, און האָבן אַ קוק געטאָן, ערשט אַ קאַראַוואַן יִשְׁמְעֵאלִים קומט אָן פון גִלְעָד, און זייערע קעמלען טראָגן געווירץ און באַלזאַם און לאַדאַן וואָס זיי גייען אַראָפּפירן קיין מִצְרַיִם. [26] האָט יהודה געזאָגט צו זיינע ברידער: וואָס וועט אַרויסקומען, אַז מיר וועלן הרגען אונדזער ברודער, און מיר וועלן פאַרדעקן זיין בלוט? [27] קומט, און לאָמיר אים פאַרקויפן צו די יִשְׁמְעֵאלִים, און אונדזער האַנט זאָל ניט זיין אויף אים; וואָרום אונדזער ברודער, אונדזער פלייש איז ער. און זיינע ברידער האָבן צוגעהערט. [28] און ווי די מִדְיָנִישע לייט, די סוֹחרים, זיינען פאַרבייגעגאַנגען, אַזוי האָבן זיי אַרויסגעצויגן און אַרויפגעבראַכט יוספן פון דער גרוב, און זיי האָבן פאַרקויפט יוספן צו די יִשְׁמְעֵאלִים פאַר צוואַנציק זילבערשטיק; און די האָבן אַוועקגעפירט יוספן קיין מִצְרַיִם.

[29] און ראובן האָט זיך אומגעקערט צו דער גרוב, ערשט יוסף איז ניטאָ אין דער גרוב; האָט ער צעריסן זיינע קליידער. [30] און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע ברידער, און האָט געזאָגט: דער ייִנגל איז ניטאָ, און איך, וווּ טו איך מיך אַהין?

[31] און זיי האָבן גענומען יוספס העמדל, און האָבן געשאָכטן אַ ציגנבאָק, און האָבן איינגעטונקט דאָס העמדל אין דעם בלוט. [32] און זיי האָבן אַוועקגעשיקט דאָס געשטרייפטע העמדל, און געלאָזט ברענגען צו זייער פאָטער, און געלאָזט

זאָגן: דאָס האָבן מיר געפֿונען; דערקען אַקאָרשט אויב דאָס איז דיין זונס העמדל אָדער ניט. 33 האָט ער עס דערקענט, און ער האָט געזאָגט: מיין זונס העמדל; אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן, פֿאַרצוקן פֿאַרצוקט געוואָרן איז יוסף. 34 און יעקב האָט צעריסן זיינע קליי־דער, און אָנגעטאָן זאַק אויף זיינע לענדן, און ער האָט געטרויערט אויף זיין זון פֿיל טעג. 35 און אַלע זיינע זין און אַלע זיינע טעכטער זיינען אויפֿגעשטאַנען אים צו טרייסטן, אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן; און ער האָט געזאָגט: פֿאַרוואָר, אַן אָבל וועל איך נידערן צו מיין זון אין קבר. און זיין פֿאָטער האָט אים באַוויינט.

36 און די מְדָנִים האָבן אים פֿאַרקויפֿט אין מִצרַיִם צו פּוֹטיפַרן, אַ הויפֿדינער פֿון פַּרעהן, דעם אויבער־לייבוועכטער.

לח 1 און עס איז געווען אין יענער צייט, האָט יהודה אַראָפּגענידערט פֿון זיינע ברידער, און ער האָט איינגעקערט צו אַ מאַן פֿון עֲדוּלָם, וואָס זיין נאָמען איז געווען חִירָה. 2 און יהודה האָט דאָרטן געזען די טאָכטער פֿון אַ מאַן אַ כּנַעֲני, וואָס זיין נאָמען איז געווען שוּעַ, און ער האָט זי גענומען, און איז געקומען צו איר. 3 און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און ער האָט גערופֿן זיין נאָמען עֵר. 4 און זי איז ווידער טראָגע־דיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זיין נאָמען אוֹנָן. 5 און זי האָט ווידער געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זיין נאָמען שֵׁלָה. און ער איז געווען אין כּזיב, אַז זי האָט אים געבאָרן.

6 און יהודה האָט גענומען אַ ווייב פֿאַר עֵר זיין בכוֹר, וואָס איר נאָמען איז געווען תָּמָר. 7 און עֵר, יהודהס בכוֹר, איז געווען שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, און גאָט האָט אים געטייט. 8 האָט יהודה געזאָגט צו אוֹנָנען: קום צו דיין ברודערס ווייב, און באַשווער זי, און שטעל אויף אַ זאָמען נאָך דיין ברודער. 9 און אַזוי ווי אוֹנָן האָט געוווּסט אַז דער זאָמען וועט ניט געהערן צו אים, איז, אַז ער איז געקומען צו זיין ברודערס ווייב, האָט ער אויסגעבראַכט צו דער ערד, כּדי ניט צו געבן אַ זאָמען צו זיין ברודער. 10 איז געווען שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט וואָס ער האָט געטאָן, און ער האָט אים אויך געטייט.

11 האָט יהודה געזאָגט צו זיין שנור תָּמָרן: זיץ אַן אַלמנה אין דיין פֿאָטערס הויז, ביז מיין זון שֵׁלָה וועט אויפֿוואַקסן; וואָרום ער האָט געקלערט: טאָמער וועט ער אויך שטאַרבן אַזוי ווי זיינע ברידער. איז תָּמָר אַוועקגעגאַנגען, און איז געזעסן אין איר פֿאָטערס הויז.

12 האָבן זיך געמערט די טעג, און שוּעס טאָכטער, דיְ ווייב פֿון יהודהן, איז געשטאָרבן. און אַז יהודה האָט זיך געהאַט געטרייסט, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען צו די שערער פֿון זיינע שאָף קיין תִּמנָה, ער און זיין גוטער פֿריינט חִירָה פֿון עֲדוּלָם.

13 איז אָנגעזאָגט געוואָרן תָּמָרן, אַזוי צו זאָגן: זע, דיין שווער גייט אַרויף קיין תִּמנָה, צו שערן זיינע שאָף. 14 האָט זי אויסגעטאָן אירע אַלמנה־קליידער פֿון זיך, און האָט זיך פֿאַרדעקט מיט אַ שלייער, און זיך איינגעוויקלט, און זי האָט זיך געזעצט ביים איינגאַנג פֿון עֵינַיִם, וואָס אויפֿן וועג קיין תִּמנָה; וואָרום זי האָט געזען אַז שֵׁלָה איז אויפֿגעוואַקסן, און זי איז ניט געגעבן געוואָרן צו אים פֿאַר אַ ווייב.

15 און יהודה האָט זי געזען, און ער האָט זי גערעכנט פֿאַר אַ זונה, ווייל זי האָט פֿאַרדעקט איר

לג הַכֶּר־נָא הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִוא אִם־לֹא׃ וַיַּכִּירָהּ וַיֹּאמֶר
לד כְּתֹנֶת בְּנִי חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף׃ וַיִּקְרַע
יַעֲקֹב שִׂמְלֹתָיו וַיָּשֶׂם שַׂק בְּמָתְנָיו וַיִּתְאַבֵּל עַל־בְּנוֹ יָמִים
לה רַבִּים׃ וַיָּקֻמוּ כָל־בָּנָיו וְכָל־בְּנֹתָיו לְנַחֲמוֹ וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם
וַיֹּאמֶר כִּי־אֵרֵד אֶל־בְּנִי אָבֵל שְׁאֹלָה וַיֵּבְךְּ אֹתוֹ אָבִיו׃
לו וְהַמְּדָנִים מָכְרוּ אֹתוֹ אֶל־מִצְרָיִם לְפוֹטִיפַר סְרִיס פַּרְעֹה
שַׂר הַטַּבָּחִים׃ פ

לח

רב׳ וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו וַיֵּט עַד־אִישׁ
ב עֲדֻלָּמִי וּשְׁמוֹ חִירָה׃ וַיַּרְא־שָׁם יְהוּדָה בַּת־אִישׁ כְּנַעֲנִי
ג וּשְׁמוֹ שׁוּעַ וַיִּקָּחֶהָ וַיָּבֹא אֵלֶיהָ׃ וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא
ד אֶת־שְׁמוֹ עֵר׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ אוֹנָן׃
ה וַתֹּסֶף עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שֵׁלָה וְהָיָה בִכְזִיב
ו בְּלִדְתָּהּ אֹתוֹ׃ וַיִּקַּח יְהוּדָה אִשָּׁה לְעֵר בְּכוֹרוֹ וּשְׁמָהּ
ז תָּמָר׃ וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיְמִתֵהוּ
ח יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה לְאוֹנָן בֹּא אֶל־אֵשֶׁת אָחִיךָ וְיַבֵּם
ט אֹתָהּ וְהָקֵם זֶרַע לְאָחִיךָ׃ וַיֵּדַע אוֹנָן כִּי לֹּא לוֹ יִהְיֶה
הַזָּרַע וְהָיָה אִם־בָּא אֶל־אֵשֶׁת אָחִיו וְשִׁחֵת אַרְצָה לְבִלְתִּי
י נְתָן־זֶרַע לְאָחִיו׃ וַיֵּרַע בְּעֵינֵי יְהוָה אֲשֶׁר עָשָׂה וַיָּמֶת גַּם־
יא אֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה לְתָמָר כַּלָּתוֹ שְׁבִי אַלְמָנָה בֵית־
אָבִיךְ עַד־יִגְדַּל שֵׁלָה בְנִי כִּי אָמַר פֶּן־יָמוּת גַּם־הוּא
יב כְּאֶחָיו וַתֵּלֶךְ תָּמָר וַתֵּשֶׁב בֵּית אָבִיהָ׃ וַיִּרְבּוּ הַיָּמִים וַתָּמָת
בַּת־שׁוּעַ אֵשֶׁת־יְהוּדָה וַיִּנָּחֶם יְהוּדָה וַיַּעַל עַל־גֹּזְזֵי צֹאנוֹ
יג הוּא וְחִירָה רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי תִּמְנָתָה׃ וַיֻּגַּד לְתָמָר לֵאמֹר
יד הִנֵּה חָמִיךְ עֹלֶה תִמְנָתָה לָגֹז צֹאנוֹ׃ וַתָּסַר בִּגְדֵי אַלְמְנוּתָהּ
מֵעָלֶיהָ וַתְּכַס בַּצָּעִיף וַתִּתְעַלָּף וַתֵּשֶׁב בְּפֶתַח עֵינַיִם אֲשֶׁר
עַל־דֶּרֶךְ תִּמְנָתָה כִּי רָאֲתָה כִּי־גָדַל שֵׁלָה וְהִוא לֹא־נִתְּנָה
טו לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיִּרְאֶהָ יְהוּדָה וַיַּחְשְׁבֶהָ לְזוֹנָה כִּי כִסְּתָה

טו פָּנֶיהָ: וַיֵּט אֵלֶיהָ אֶל־הַדֶּרֶךְ וַיֹּאמֶר הָבָה נָּא אָבוֹא אֵלַיִךְ
כִּי לֹא יָדַע כִּי כַלָּתוֹ הִוא וַתֹּאמֶר מַה־תִּתֶּן־לִּי כִּי תָבוֹא
יז אֵלָי: וַיֹּאמֶר אָנֹכִי אֲשַׁלַּח גְּדִי־עִזִּים מִן־הַצֹּאן וַתֹּאמֶר
יח אִם־תִּתֵּן עֵרָבוֹן עַד שָׁלְחֶךָ: וַיֹּאמֶר מָה הָעֵרָבוֹן אֲשֶׁר
אֶתֶּן־לָּךְ וַתֹּאמֶר חֹתָמְךָ וּפְתִילֶךָ וּמַטְּךָ אֲשֶׁר בְּיָדֶךָ וַיִּתֶּן
יט לָהּ וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַתַּהַר לוֹ: וַתָּקָם וַתֵּלֶךְ וַתָּסַר צְעִיפָהּ
כ מֵעָלֶיהָ וַתִּלְבַּשׁ בִּגְדֵי אַלְמְנוּתָהּ: וַיִּשְׁלַח יְהוּדָה אֶת־גְּדִי
הָעִזִּים בְּיַד רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי לָקַחַת הָעֵרָבוֹן מִיַּד הָאִשָּׁה
כא וְלֹא מְצָאָהּ: וַיִּשְׁאַל אֶת־אַנְשֵׁי מְקֹמָהּ לֵאמֹר אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה
הִוא בָעֵינַיִם עַל־הַדָּרֶךְ וַיֹּאמְרוּ לֹא־הָיְתָה בָזֶה קְדֵשָׁה:
כב וַיָּשָׁב אֶל־יְהוּדָה וַיֹּאמֶר לֹא מְצָאתִיהָ וְגַם אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם
כג אָמְרוּ לֹא־הָיְתָה בָזֶה קְדֵשָׁה: וַיֹּאמֶר יְהוּדָה תִּקַּח־לָהּ
פֶּן נִהְיֶה לָבוּז הִנֵּה שָׁלַחְתִּי הַגְּדִי הַזֶּה וְאַתָּה לֹא מְצָאתָהּ:
כד וַיְהִי ׀ כְּמִשְׁלֹשׁ חֳדָשִׁים וַיֻּגַּד לִיהוּדָה לֵאמֹר זָנְתָה תָּמָר
כַּלָּתֶךָ וְגַם הִנֵּה הָרָה לִזְנוּנִים וַיֹּאמֶר יְהוּדָה הוֹצִיאוּהָ
כה וְתִשָּׂרֵף: הִוא מוּצֵאת וְהִיא שָׁלְחָה אֶל־חָמִיהָ לֵאמֹר
לְאִישׁ אֲשֶׁר־אֵלֶּה לּוֹ אָנֹכִי הָרָה וַתֹּאמֶר הַכֶּר־נָא לְמִי
כו הַחֹתֶמֶת וְהַפְּתִילִים וְהַמַּטֶּה הָאֵלֶּה: וַיַּכֵּר יְהוּדָה וַיֹּאמֶר
צָדְקָה מִמֶּנִּי כִּי־עַל־כֵּן לֹא־נְתַתִּיהָ לְשֵׁלָה בְנִי וְלֹא־יָסַף
כז עוֹד לְדַעְתָּהּ: וַיְהִי בְּעֵת לִדְתָּהּ וְהִנֵּה תְאוֹמִים בְּבִטְנָהּ:
כח וַיְהִי בְלִדְתָּהּ וַיִּתֶּן־יָד וַתִּקַּח הַמְיַלֶּדֶת וַתִּקְשֹׁר עַל־יָדוֹ
כט שָׁנִי לֵאמֹר זֶה יָצָא רִאשֹׁנָה: וַיְהִי ׀ כְּמֵשִׁיב יָדוֹ וְהִנֵּה יָצָא
אָחִיו וַתֹּאמֶר מַה־פָּרַצְתָּ עָלֶיךָ פָּרֶץ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ פָּרֶץ:
ל וְאַחַר יָצָא אָחִיו אֲשֶׁר עַל־יָדוֹ הַשָּׁנִי וַיִּקְרָא שְׁמוֹ זָרַח: ס

לט

חמ׳ וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה וַיִּקְנֵהוּ פּוֹטִיפַר סְרִיס פַּרְעֹה שַׂר
הַטַּבָּחִים אִישׁ מִצְרִי מִיַּד הַיִּשְׁמְעֵאלִים אֲשֶׁר הוֹרִדֻהוּ
ב שָׁמָּה: וַיְהִי יְהוָה אֶת־יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית

פנים. [16] האָט ער פאַרקערט צו איר ביים וועג, און האָט געזאָגט: קום, איך בעט דיך, לאָמיך קומען צו דיר; וואָרום ער האָט ניט געוווּסט אַז זי איז זיין שנור. האָט זי געזאָגט: וואָס וועסטו מיר געבן, אַז דו וועסט קומען צו מיר? [17] האָט ער געזאָגט: איך וועל שיקן אַ ציגנבעקל פון די שאָף. האָט זי געזאָגט: סיידן וועסט מיר געבן אַ משכון ביז דו שיקסט. [18] האָט ער געזאָגט: וואָס פאַר אַ משכון זאָל איך דיר געבן? האָט זי געזאָגט: דיין זיגלרינג, און דיין שנור, און דיין שטעקן וואָס אין דיין האַנט. האָט ער עס איר געגעבן, און ער איז צו איר געקומען, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון אים. [19] און זי איז אויפגע־שטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, און זי האָט אויסגעטאָן פון זיך איר שלייער, און האָט אָנגעטאָן אירע אַלמנה־קליידער.

[20] און יהודה האָט געשיקט דאָס ציגנבעקל דורך דער האַנט פון זיין גוטן פריינט פון עדוּלָם, כדי אָפּצו־נעמען דעם משכון פון דער פרויס האַנט; אָבער ער האָט זי ניט געפונען. [21] האָט ער געפרעגט די מענטשן פון איר אָרט, אַזוי צו זאָגן: וווּ איז די זונה וואָס איז געווען אין עֵינַיִם ביים וועג? האָבן זיי געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה. [22] האָט ער זיך אומגעקערט צו יהודהן, און האָט געזאָגט: איך האָב זי ניט געפונען. און אויך די מענטשן פון דעם אָרט האָבן געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה. [23] האָט יהודה געזאָגט: זאָל זי עס האַלטן פאַר זיך, כדי מיר זאָלן ניט ווערן צו שפּאָט; איך האָב דאָך געשיקט דאָסדאָזיקע ציקעלע, און דו האָסט זי ניט געפונען.

[24] און עס איז געווען אין אַרום דריי חדשים, איז אָנגעזאָגט געוואָרן יהודהן, אַזוי צו זאָגן: דיין שנור תָּמָר האָט מזנה געווען, און אָט איז זי אויך טראָגעדיק פון זנות. האָט יהודה געזאָגט: פירט זי אַרויס, און זאָל זי פאַר־ברענט ווערן.

[25] ווי זי איז אַרויסגעפירט געוואָרן, אַזוי האָט זי געשיקט זאָגן צו איר שווער: פון דעם מאַן וואָס דידאָזיקע גע־הערן צו אים, בין איך טראָגעדיק. און זי האָט געזאָגט: דערקען אַקאָרשט וועמעס איז דערדאָזיקער זיגלרינג, און די שנורן, און דער שטעקן? [26] האָט יהודה דערקענט, און ער האָט געזאָגט: זי איז גערעכטער פון מיר, דערפאַר ווייל איך האָב זי ניט געגעבן צו מיין זון שֵׁלָהן. אָבער ער האָט מער ווידער ניט פאַרקערט מיט איר.

[27] און עס איז געווען אין דער צייט פון איר געבערן, ערשט אַ צווילינג איז אין איר לייב. [28] און עס איז געווען, אַז זי האָט געבאָרן, האָט איינער אַרויסגעשטעקט זיין האַנט, און די הייבין האָט גענומען און האָט אָנגעבונדן אָן זיין האַנט אַ רויטן פאָדים, אַזוי צו זאָגן: דערדאָזיקער איז אַרויסגעקומען צוערשט. [29] און עס איז געווען, ווי ער ציט צוריק זיין האַנט, ערשט זיין ברודער איז אַרויסגעקומען; האָט זי געזאָגט: וואָס האָסטו זיך געריסן מיט אַזאַ רייסענישאַ? און מע האָט גערופן זיין נאָמען פֶּרֶץ. [30] און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, וואָס אויף זיין האַנט איז געווען דער רויטער פאָדים; און מע האָט גערופן זיין נאָמען זֶרַחב.

לט [1] און יוסף איז אַראָפּגעפירט געוואָרן קיין מִצרַיִם, און פּוֹטיפַר, אַ הויפּדינער פון פַּרעהן, דער אויבערלײַבוועכ־טער, אַ מִצרישער מאַן, האָט אים אָפּגעקויפט פון דער האַנט פון די יִשמעאֵלים וואָס האָבן אים אַהין אַראָפּ־געפירט. [2] און גאָט איז געווען מיט יוספן, און ער איז געווען אַ באַגליקטער מענטש; און ער איז געווען אין הויז פון

א פֶּרֶץ. ב זונאויפגאַנג, רויטקייט.

ג אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי: וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי יְהוָה אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר־
ד הוּא עֹשֶׂה יְהוָה מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ: וַיִּמְצָא יוֹסֵף חֵן בְּעֵינָיו
וַיְשָׁרֶת אֹתוֹ וַיַּפְקִדֵהוּ עַל־בֵּיתוֹ וְכָל־יֶשׁ־לוֹ נָתַן בְּיָדוֹ:
ה וַיְהִי מֵאָז הִפְקִיד אֹתוֹ בְּבֵיתוֹ וְעַל כָּל־אֲשֶׁר יֶשׁ־לוֹ וַיְבָרֶךְ
יְהוָה אֶת־בֵּית הַמִּצְרִי בִּגְלַל יוֹסֵף וַיְהִי בִּרְכַּת יְהוָה
ו בְּכָל־אֲשֶׁר יֶשׁ־לוֹ בַּבַּיִת וּבַשָּׂדֶה: וַיַּעֲזֹב כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ בְּיַד
יוֹסֵף וְלֹא־יָדַע אִתּוֹ מְאוּמָה כִּי אִם־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר־הוּא
ששי אוֹכֵל וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה־תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה: וַיְהִי אַחַר
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַתִּשָּׂא אֵשֶׁת־אֲדֹנָיו אֶת־עֵינֶיהָ אֶל־יוֹסֵף
ח וַתֹּאמֶר שִׁכְבָה עִמִּי: וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר אֶל־אֵשֶׁת אֲדֹנָיו הֵן
אֲדֹנִי לֹא־יָדַע אִתִּי מַה־בַּבָּיִת וְכֹל אֲשֶׁר־יֶשׁ־לוֹ נָתַן בְּיָדִי:
ט אֵינֶנּוּ גָדוֹל בַּבַּיִת הַזֶּה מִמֶּנִּי וְלֹא־חָשַׂךְ מִמֶּנִּי מְאוּמָה
כִּי אִם־אוֹתָךְ בַּאֲשֶׁר אַתְּ־אִשְׁתּוֹ וְאֵיךְ אֶעֱשֶׂה הָרָעָה הַגְּדֹלָה
י הַזֹּאת וְחָטָאתִי לֵאלֹהִים: וַיְהִי כְּדַבְּרָהּ אֶל־יוֹסֵף יוֹם ׀ יוֹם
יא וְלֹא־שָׁמַע אֵלֶיהָ לִשְׁכַּב אֶצְלָהּ לִהְיוֹת עִמָּהּ: וַיְהִי כְּהַיּוֹם
הַזֶּה וַיָּבֹא הַבַּיְתָה לַעֲשׂוֹת מְלַאכְתּוֹ וְאֵין אִישׁ מֵאַנְשֵׁי
יב הַבַּיִת שָׁם בַּבָּיִת: וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ לֵאמֹר שִׁכְבָה עִמִּי
יג וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה: וַיְהִי כִּרְאוֹתָהּ
יד כִּי־עָזַב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס הַחוּצָה: וַתִּקְרָא לְאַנְשֵׁי בֵיתָהּ
וַתֹּאמֶר לָהֶם לֵאמֹר רְאוּ הֵבִיא לָנוּ אִישׁ עִבְרִי לְצַחֶק
טו בָּנוּ בָּא אֵלַי לִשְׁכַּב עִמִּי וָאֶקְרָא בְּקוֹל גָּדוֹל: וַיְהִי כְשָׁמְעוֹ
כִּי־הֲרִימֹתִי קוֹלִי וָאֶקְרָא וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ אֶצְלִי וַיָּנָס וַיֵּצֵא
טז הַחוּצָה: וַתַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ עַד־בּוֹא אֲדֹנָיו אֶל־בֵּיתוֹ:
יז וַתְּדַבֵּר אֵלָיו כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר בָּא אֵלַי הָעֶבֶד
יח הָעִבְרִי אֲשֶׁר־הֵבֵאתָ לָּנוּ לְצַחֶק בִּי: וַיְהִי כַּהֲרִימִי קוֹלִי
יט וָאֶקְרָא וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ אֶצְלִי וַיָּנָס הַחוּצָה: וַיְהִי כִשְׁמֹעַ
אֲדֹנָיו אֶת־דִּבְרֵי אִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר דִּבְּרָה אֵלָיו לֵאמֹר כַּדְּבָרִים
כ הָאֵלֶּה עָשָׂה לִי עַבְדֶּךָ וַיִּחַר אַפּוֹ: וַיִּקַּח אֲדֹנֵי יוֹסֵף אֹתוֹ

זיין האַר דעם מִצרי. [3] און זיין האַר האָט געזען, אַז גאָט איז מיט אים, און אַלץ וואָס ער טוט, באַגליקט גאָט אין זיין האַנט; [4] האָט יוסף געפונען חן אין זיינע אויגן, און ער האָט אים באַדינט. און ער האָט אים אויפגעזעצט איבער זיין הויז, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער איבערגעגעבן אין זיין האַנט. [5] און עס איז געווען, פון זינט ער האָט אים אויפגעזעצט איבער זיין הויז, און איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט גאָט געבענטשט דעם מִצרים הויז פון יוספס וועגן, און אַ ברכה פון גאָט איז געווען אויף אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין הויז און אין פעלד. [6] האָט ער איבערגעלאָזן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין יוספס האַנט, און ער האָט לעבן אים ניט גע־ווּסט פון קיין זאַך, אַחוץ דעם ברויט וואָס ער האָט געגעסן. און יוסף איז געווען שיין אויפן געשטאַלט, און שיין אויפן פּנים.

[7] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, האָט זיין האַרס ווייב אויפגעהויבן אירע אויגן אויף יוספן, און זי האָט געזאָגט: ליג מיט מיר. [8] האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט צו זיין האַרס ווייב: זע, מיין האַר ווייס ניט לעבן מיר וואָס אין הויז טוט זיך, און אַלץ וואָס ער האָט, האָט ער איבערגעגעבן אין מיין האַנט. [9] ער איז אין דעמדאָזיקן הויז ניט גרעסער פון מיר, און ער האָט ניט פאַרמיטן פון מיר קיין זאַך, נאָר בלויז דיך, ווייל דו ביסט זיין ווייב. היינט ווי קען איך טאָן דאָסדאָזיקע גרויסע בייז, און זינדיקן צו גאָט?

[10] און עס איז געווען, אַז זי האָט גערעדט צו יוספן טאָג פאַר טאָג, און ער האָט ניט צוגעהערט צו איר, צו ליגן מיט איר, צו זיין מיט איר, [11] איז, איין טאָג ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז צו טאָן זיין אַרבעט, און קיין מענטש פון די הויזלייט איז דאָרטן ניט געווען אין הויז, [12] האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין קלייד, אַזוי צו זאָגן: ליג מיט מיר. האָט ער איבערגעלאָזן זיין קלייד אין איר האַנט, און איז אַנטלאָפן און אַרויס דרויסן. [13] און עס איז געווען, ווי זי האָט געזען, אַז ער האָט איבערגעלאָזן זיין קלייד אין איר האַנט, און איז אַנטלאָפן דרויסן, [14] אַזוי האָט זי גערופן צו אירע הויזלייט, און האָט צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זעט, מע האָט אונדז געבראַכט אַ מאַן אַ עִברי, צו מאַכן גע־שפּעט פון אונדז; ער איז געקומען צו מיר צו ליגן מיט מיר, און איך האָב גערופן אויף אַ הויכן קָול. [15] איז, ווי ער האָט געהערט, אַז איך האָב אויפגעהויבן מיין קָול און האָב גערופן, אַזוי האָט ער איבערגעלאָזן זיין קלייד ביי מיר, און איז אַנטלאָפן און אַרויס דרויסן.

[16] און זי האָט אַוועקגעלייגט זיין קלייד ביי זיך, ביז זיין האַר איז געקומען אַהיים. [17] און זי האָט גערעדט צו אים אַזוי ווי דידאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן: דער קנעכט דער עִברי וואָס דו האָסט אונדז געבראַכט, איז געקומען צו מיר צו מאַכן געשפּעט פון מיר. [18] און עס איז געווען, ווי איך האָב אויפגעהויבן מיין קָול און האָב גערופן, אַזוי האָט ער איבערגעלאָזן זיין קלייד ביי מיר, און איז אַנטלאָפן דרויסן.

[19] און עס איז געווען, ווי זיין האַר האָט געהערט די ווערטער פון זיין ווייב, וואָס זי האָט צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אַזעלכע זאַכן האָט געטאָן צו מיר דיין קנעכט, האָט זיין צאָרן געגרימט. [20] און יוספס האַר האָט אים גענומען,

וַיִּתְּנֵהוּ אֶל־בֵּית הַסֹּהַר מְקוֹם אֲשֶׁר־אֲסוּרֵי הַמֶּלֶךְ אֲסוּרִים
וַיְהִי־שָׁם בְּבֵית הַסֹּהַר׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יוֹסֵף וַיֵּט אֵלָיו כא
חָסֶד וַיִּתֵּן חִנּוֹ בְּעֵינֵי שַׂר בֵּית־הַסֹּהַר׃ וַיִּתֵּן שַׂר בֵּית־ כב
הַסֹּהַר בְּיַד־יוֹסֵף אֵת כָּל־הָאֲסִירִם אֲשֶׁר בְּבֵית הַסֹּהַר
וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר עֹשִׂים שָׁם הוּא הָיָה עֹשֶׂה׃ אֵין ׀ שַׂר בֵּית־ כג
הַסֹּהַר רֹאֶה אֶת־כָּל־מְאוּמָה בְּיָדוֹ בַּאֲשֶׁר יְהוָה אִתּוֹ
וַאֲשֶׁר־הוּא עֹשֶׂה יְהוָה מַצְלִיחַ׃ פ

מ

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה חָטְאוּ מַשְׁקֵה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם שב׳
וְהָאֹפֶה לַאֲדֹנֵיהֶם לְמֶלֶךְ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְצֹף פַּרְעֹה עַל שְׁנֵי ב
סָרִיסָיו עַל שַׂר הַמַּשְׁקִים וְעַל שַׂר הָאוֹפִים׃ וַיִּתֵּן אֹתָם ג
בְּמִשְׁמַר בֵּית שַׂר הַטַּבָּחִים אֶל־בֵּית הַסֹּהַר מְקוֹם אֲשֶׁר
יוֹסֵף אָסוּר שָׁם׃ וַיִּפְקֹד שַׂר הַטַּבָּחִים אֶת־יוֹסֵף אִתָּם ד
וַיְשָׁרֶת אֹתָם וַיִּהְיוּ יָמִים בְּמִשְׁמָר׃ וַיַּחַלְמוּ חֲלוֹם שְׁנֵיהֶם ה
אִישׁ חֲלֹמוֹ בְּלַיְלָה אֶחָד אִישׁ כְּפִתְרוֹן חֲלֹמוֹ הַמַּשְׁקֶה
וְהָאֹפֶה אֲשֶׁר לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם אֲשֶׁר אֲסוּרִים בְּבֵית הַסֹּהַר׃
וַיָּבֹא אֲלֵיהֶם יוֹסֵף בַּבֹּקֶר וַיַּרְא אֹתָם וְהִנָּם זֹעֲפִים׃ ו
וַיִּשְׁאַל אֶת־סְרִיסֵי פַרְעֹה אֲשֶׁר אִתּוֹ בְמִשְׁמַר בֵּית אֲדֹנָיו ז
לֵאמֹר מַדּוּעַ פְּנֵיכֶם רָעִים הַיּוֹם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו חֲלוֹם ח
חָלַמְנוּ וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף הֲלוֹא לֵאלֹהִים
פִּתְרֹנִים סַפְּרוּ־נָא לִי׃ וַיְסַפֵּר שַׂר־הַמַּשְׁקִים אֶת־חֲלֹמוֹ ט
לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ בַּחֲלוֹמִי וְהִנֵּה־גֶפֶן לְפָנָי׃ וּבַגֶּפֶן שְׁלֹשָׁה
שָׂרִיגִם וְהִוא כְפֹרַחַת עָלְתָה נִצָּהּ הִבְשִׁילוּ אַשְׁכְּלֹתֶיהָ
עֲנָבִים׃ וְכוֹס פַּרְעֹה בְּיָדִי וָאֶקַּח אֶת־הָעֲנָבִים וָאֶשְׂחַט יא
אֹתָם אֶל־כּוֹס פַּרְעֹה וָאֶתֵּן אֶת־הַכּוֹס עַל־כַּף פַּרְעֹה׃
וַיֹּאמֶר לוֹ יוֹסֵף זֶה פִּתְרֹנוֹ שְׁלֹשֶׁת הַשָּׂרִגִים שְׁלֹשֶׁת יָמִים יב
הֵם׃ בְּעוֹד ׀ שְׁלֹשֶׁת יָמִים יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת־רֹאשֶׁךָ וַהֲשִׁיבְךָ יג

לט,כ׳ אסורי ק

און האָט אים אַרייַנגעזעצט אין געפענקעניש, אין דעם אָרט וווּ דעם מלכס געפאַנגענע זיינען אַיינגעשפּאַרט; און ער איז דאָרטן געווען אין געפענקעניש.

21 און גאָט איז געווען מיט יוספן, און ער האָט גענייגט צו אים גענאָד, און אים געגעבן חן אין די אויגן פון דעם האַר פון געפענקעניש. 22 און דער האַר פון געפענקעניש האָט איבערגעגעבן אויף דער האַנט פון יוספן אַלע געפאַנגענע וואָס אין געפענקעניש; און אַלץ וואָס מע האָט דאָרטן געטאָן, האָט ער אויפגעטאָן. 23 דער האַר פון געפענקעניש האָט ניט נאָכגעקוקט קיין שום זאַך אונטער זיין האַנט, ווייל גאָט איז געווען מיט אים, און וואָס ער האָט געטאָן, האָט גאָט באַגליקט.

מ 1 און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, האָט דער טראַנקמייסטער פון דעם מלך פון מִצרַיִם, און דער בעקער, זיך פאַרזינדיקט אַקעגן זייער האַר, דעם מלך פון מִצרַיִם. 2 און פַּרעה האָט געצערנט אויף זיינע צוויי הויפּדינער, אויף דעם אויבערטראַנקמייסטער און אויף דעם אויבערבעקער. 3 און ער האָט זיי אַריינגעזעצט אין דער וואַך פון דעם אויבערלייַבוועכטערס הויז, אין געפענקעניש, אין דעם אָרט וואָס יוסף איז דאָרטן געווען אַיינגעשפּאַרט. 4 און דער אויבערלייַבוועכטער האָט געשטעלט יוספן לעבן זיי, און ער האָט זיי באַדינט; און זיי זיינען געווען אַ צייט אין וואַך.

5 האָט זיך ביידן געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, איטלעכן זיין חלום, איטלעכן לויט דעם פּיתרון פון זיין חלום — דעם טראַנקמייסטער און דעם בעקער פון דעם מלך פון מִצרַיִם, וואָס זיינען געווען אַיינגעשפּאַרט אין געפענקעניש. 6 און יוסף איז געקומען צו זיי אין דער פרי, און האָט זיי אָנגעקוקט, ערשט זיי זיינען צעטראָגן. 7 האָט ער געפרעגט די הויפּדינער פון פַּרעהן וואָס מיט אים אין דער וואַך פון זיין האַרס הויז, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס זיינען אייערע פּנימער היינט פאַרערגערט? 8 האָבן זיי צו אים געזאָגט: אונדז האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ניטאָ ווער זאָל אים פּותר זיין. האָט יוסף צו זיי געזאָגט: פּיתרונים זיינען דאָך פון גאָט; דערציילט מיר, איך בעט אייך.

9 האָט דער אויבערטראַנקמייסטער דערציילט זיין חלום צו יוספן, און ער האָט צו אים געזאָגט: מיר חלומט זיך, ערשט פאַר מיר איז אַ ווייַנשטאָק. 10 און אויפן ווייַנשטאָק דריי צווייגן; און ווי ער בליט, איז אויפגעגאַנגען זיין בליעכץ, האָבן זיינע הענגלעך געצייטיקט ווייַנטרויבן. 11 און פַּרעהס בעכער איז געווען אין מיין האַנט; האָב איך גענומען די ווייַנטרויבן, און האָב זיי אויסגעקוועטשט אין פַּרעהס בעכער, און דערלאַנגט דעם בעכער אין פַּרעהס האַנט.

12 האָט יוסף צו אים געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון דערפון: די דריי צווייגן דאָס זיינען דריי טעג. 13 אין דריי טעג אַרום וועט פַּרעה אויפנעמען דיין קאָפּ, און וועט דיך אומקערן אויף דיין שטאַנד, און

עַל־כַּנֶּךָ וְנָתַתָּ כוֹס־פַּרְעֹה בְּיָדוֹ כַּמִּשְׁפָּט הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר
יד הָיִיתָ מַשְׁקֵהוּ׃ כִּי אִם־זְכַרְתַּנִי אִתְּךָ כַּאֲשֶׁר יִיטַב לָךְ
וְעָשִׂיתָ־נָּא עִמָּדִי חָסֶד וְהִזְכַּרְתַּנִי אֶל־פַּרְעֹה וְהוֹצֵאתַנִי
טו מִן־הַבַּיִת הַזֶּה׃ כִּי־גֻנֹּב גֻּנַּבְתִּי מֵאֶרֶץ הָעִבְרִים וְגַם־פֹּה
טז לֹא־עָשִׂיתִי מְאוּמָה כִּי־שָׂמוּ אֹתִי בַּבּוֹר׃ וַיַּרְא שַׂר־הָאֹפִים
כִּי טוֹב פָּתָר וַיֹּאמֶר אֶל־יוֹסֵף אַף־אֲנִי בַּחֲלוֹמִי וְהִנֵּה
יז שְׁלֹשָׁה סַלֵּי חֹרִי עַל־רֹאשִׁי׃ וּבַסַּל הָעֶלְיוֹן מִכֹּל מַאֲכַל
פַּרְעֹה מַעֲשֵׂה אֹפֶה וְהָעוֹף אֹכֵל אֹתָם מִן־הַסַּל מֵעַל
יח רֹאשִׁי׃ וַיַּעַן יוֹסֵף וַיֹּאמֶר זֶה פִּתְרֹנוֹ שְׁלֹשֶׁת הַסַּלִּים
יט שְׁלֹשֶׁת יָמִים הֵם׃ בְּעוֹד ׀ שְׁלֹשֶׁת יָמִים יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת־
רֹאשְׁךָ מֵעָלֶיךָ וְתָלָה אוֹתְךָ עַל־עֵץ וְאָכַל הָעוֹף אֶת־
מפ׳ בְּשָׂרְךָ מֵעָלֶיךָ׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יוֹם הֻלֶּדֶת אֶת־
פַּרְעֹה וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה לְכָל־עֲבָדָיו וַיִּשָּׂא אֶת־רֹאשׁ ׀ שַׂר
כא הַמַּשְׁקִים וְאֶת־רֹאשׁ שַׂר הָאֹפִים בְּתוֹךְ עֲבָדָיו׃ וַיָּשֶׁב
אֶת־שַׂר הַמַּשְׁקִים עַל־מַשְׁקֵהוּ וַיִּתֵּן הַכּוֹס עַל־כַּף פַּרְעֹה׃
כב וְאֵת שַׂר הָאֹפִים תָּלָה כַּאֲשֶׁר פָּתַר לָהֶם יוֹסֵף׃ וְלֹא־זָכַר
כג שַׂר־הַמַּשְׁקִים אֶת־יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ׃ פ

וועסט דערלאַנגען פּרעהס בעכער אין זיין האַנט, לויטן פריערדיקן שטייגער, ווען דו ביסט געווען זיין טראַנקמייסטער. [14] אָבער זאָלסט מיך געדענקען ביי זיך, אַז דיר וועט גוט זיין, און זאָלסט טאָן, איך בעט דיך, אַ חסד מיט מיר, און מיך דערמאָנען פאַר פּרעהן, און מיך אַרויסציען פון דעמדאָזיקן הויז. [15] וואָרום געגנבעט בין איך געגנבעט געוואָרן פון לאַנד פון די עברים; און דאָ אויך האָב איך קיין זאַך ניט געטאָן, וואָס מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין תּפיסה.

[16] האָט דער אויבערבעקער געזען אַז ער האָט צום גוטן פּותר געווען, און ער האָט געזאָגט צו יוספן: מיר אויך האָט זיך געחלומט, ערשט דריי געפלאָכטענע קערב זיינען אויף מיין קאָפּ; [17] און אין דעם אויבערשטן קאָרב איז פון אַלערליי עסנוואַרג פאַר פּרעהן, געבעקואַכן, און די פויגלען עסן זיי פון דעם קאָרב איבער מיין קאָפּ.

[18] האָט יוסף געענטפערט און האָט געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון דערפון: די דריי קערב דאָס זיינען דריי טעג. [19] אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה אַראָפּנעמען דיין קאָפּ פון דיר, און וועט דיך אויפהענגען אויף אַ בוים, און די פויגלען וועלן עסן דיין פלייש פון דיר.

[20] און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, אין פּרעהס געבורטסטאָג, האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט, און האָט אויפגענומען דעם קאָפּ פון דעם אויבערטראַנקמייסטער, און דעם קאָפּ פון דעם אויבערבעקער, צווישן זיינע קנעכט. [21] און ער האָט אומגעקערט דעם אויבערטראַנקמייסטער צו זיין טראַנקמייסטערשאַפט; און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעהס האַנט. [22] און דעם אויבערבעקער האָט ער אויפגעהאַנגען, אַזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר געווען. [23] אָבער דער אויבערטראַנקמייסטער האָט ניט געדאַכט אָן יוספן, און האָט אים פאַרגעסן.

## מִקֵּץ

מא
א וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־
ב הַיְאֹר׃ וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה
ג וּבְרִיאֹת בָּשָׂר וַתִּרְעֶינָה בָּאָחוּ׃ וְהִנֵּה שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת
עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן מִן־הַיְאֹר רָעוֹת מַרְאֶה וְדַקּוֹת בָּשָׂר
ד וַתַּעֲמֹדְנָה אֵצֶל הַפָּרוֹת עַל־שְׂפַת הַיְאֹר׃ וַתֹּאכַלְנָה הַפָּרוֹת
רָעוֹת הַמַּרְאֶה וְדַקֹּת הַבָּשָׂר אֵת שֶׁבַע הַפָּרוֹת יְפֹת
ה הַמַּרְאֶה וְהַבְּרִיאֹת וַיִּיקַץ פַּרְעֹה׃ וַיִּישָׁן וַיַּחֲלֹם שֵׁנִית
וְהִנֵּה ׀ שֶׁבַע שִׁבֳּלִים עֹלוֹת בְּקָנֶה אֶחָד בְּרִיאוֹת וְטֹבוֹת׃

מ,טו׳ מלרע מא,ה׳ קמץ בז״ק

מא [1] און עס איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר צייט, האָט זיך פּרעהן געחלומט, ערשט ער שטייט ביים טייך. [2] און אָט גייען אַרויף פון טייך זיבן קי, שיין אויפן אויסזען און פעט אויפן לייב; און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין דעם טייכגראָז. [3] און אָט גייען אַרויף נאָך זיי פון טייך זיבן אַנדערע קי, מיאוס אויפן אויסזען, און מאָגער אויפן לייב; און זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן יענע קי ביים ברעג טייך. [4] און די מיאוסע אויפן אויסזען און מאָגערלייביקע קי האָבן אויפגעגעסן די זיבן שיינע אויפן אויסזען און פעטע קי. און פּרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

[5] און ער איז איינגעשלאָפן, און אים האָט זיך געחלומט אַ צווייט מאָל, ערשט זיבן זאַנגען גייען אַרויף אויף איין שטענגל